STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01404

# 500 GEGRAMTE SHPRIKHVERTER UN REDNSORTN

Sh. Esterzon

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by N. Norman Schutzman*
*in honor of Helen T. Schutzman*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# 500
# געגראַמטע שפּריכווערטער און רעדנסאַרטן

גערזאַמלט און סאָרטירט

לויטן אלף־בית

מיט הערות און ביאורים

פון

ש. אסתרזאָן

ירושלים, תשכ״ג

©

להשיג לפי הכתובת :
ת"ד 16179 ירושלים

געווידמעט

מיין בעסערע העלפט

**ב י י ל ע**

צום איינאונפערציקסטן געבורטסטאג

ביז הונדערט און צוואנציק

# הקדמה

די פינעף הונדערט געגראמטע שפריכווערטער, וואס זיינען דא אפגעדרוקט, זיינען א טייל פון א גרויסע זאמלונג פון שפריכווערטער, רעדנסארטן, גלייכווערטלאך און ווינטשע־נישן — וואס איך קלייב שוין איבער דרייסיק יאר אין ירושלים.

איך האב זיי געהערט פון עלטערע מענער און פרויען, וואס זיי אליין אדער זייערע עלטערן שטאמען פון פארשידענע מקומות אין: אונגארן, גאליציען, פוילן, רומעניען, רוסלאנד, ליטע און עסטרייך.

צו געוויסע שפריכווערטער געפינען זיך ווארינאנטן אין די זאמלונגען פון בערנשטיין, פיראזשניקאוו, באסטאמסקי און אײנהארן.

איך האב זיי מסדר געווען לויטן אלף־בית און אויך מוסיף געווען, דא און דארט, הערות און ביאורים — אויף וויפל עס פאדערט זיך לויט מיין מיינונג.

דער אויסלייג פון די יידישע ווערטער, חוץ אייניקע אויסנאמען, איז אזוי ווי מ׳רעט זיי ארויס. אבער ווייבאלד זיי זיינען גענומען פון א קיבוץ־גליות, דארף מען נעמען אין באטראכט די פארשידענע דיאלעקטן — כדי ס׳זאל זיך ארויסבאקומען א גראם.

לשון־קודש׳דיקע ווערטער זיינען געגעבן געווארן ככתיבתן. למשל: בעל־הבית, און נישט באלעבאס; כלי־זמר, און נישט קלעזמער.

די אנווייזונגען פון איין נומער צום צווייטן זיינען פון גרויס וויכטיקייט, מכמה בחינות. און אמאל קען מען גארנישט פארשטיין דעם זין פון א שפריכווארט אן זיין פאראלעל. למשל: נומער 464 ווערט ערשט פארשטענדליך ווען מ׳האט פאר זיך דעם נומער 228!

איך האף אז דער ביכל וועט נושא־חן זיין ביים יידישן לייענער, און עס וועט מיר געגעבן ווערן די מעגליכקייט ארויסצוגעבן צוביסלאך מיין גאנצע זאמלונג.

מרחשוון תשכג

ש. א.

# א

1

א איידים א לערנער
האלט שווער און שוויגער
פאר די הערנער.

2

א ביסל און א ביסל
ווערט א פולע שיסל.

פגל׳ 449.

3

א בלינד הינדל
געפינט אויך אמאל
א קערנדל.

4

א בעל־גאוה
איז ערגער פון
א בעל־תאוה.

5
א בעל־הבית
איז שוין וואס.

6
א גאסט אויף א ווייל
זעט אויף א מייל.

7
א גוט ווארט
מאכט ברייט דאס ארט.

8
א גוט ווארט
פארנעמט אנ׳ארט.

9
א גוטן ביסן
ווילט זיך יעדערן
געניסן.

10
א גוטן שווער
איז שווער צו האבן,
א שלעכטן —
איז שווער צו באגראבן.

11

א געוואָרענער
איז ערגער
ווי א געבאָרענער.

12

א געלער
מאכט נישט
קיין פעלער.

13

א הון וואס קרייט,
און א יידענע וואס לערנט תורה —
איז נישט קיין גוטע סחורה.

14

א וואגן
איז א זייגער;
א שליטן
איז א פגר.

15

א וואָרט און א וואָרט
און א פאטש אויפן אָרט.

16

א וואָרט און א וואָרט
ווערט א פולע קוואָרט.

פגל׳ 427.

17

א וואָרט
איז ווי א פייל:
ביידע האָבן
גרויסע אייל.

18

א חזן א שטומער,
א שליח א קרומער,
א דאָקטאָר א פרומער —
זיינען קיין גוט-וואָרט נישט ווערט.

19

א טאָג מיט א נאַכט
א מעת-לעת פאַרבראַכט.

20

א טאָכטער
איז א קינד,
א שנור
איז א ווינט.

21

א נאָדל אין זאַק
קען נישט בלייבן פאַרבאָרגן:
דער שפּיץ קומט אַרויס,
היינט אָדער מאָרגן.

22

א נאַר
איז אַ אייביגער צער —
חאַטש אין קוימען שפּאַר.

פגל' 24 ; 368 ; 94.

23

אַ נאַר
איז אַ גזר.

24

אַ נאַר
איז אַ צער.

פגל' 22 ; 368 ; 94.

25

אַ סוד
פאַר גאַנץ בראַד.

26

אַ ספר
אָן אַ הקדמה
איז ווי אַ גוף
אָן אַ נשמה.

27

אַ פויער —
קאָך אים זים און זויער,

בלייבט ער אלץ א פויער.

פגל׳ 467.

28

א קלאפ
פארגייט,
א ווארט
באשטייט.

29

א קער
פון א בער.

30

א ראיה
אז מיין באבע
הייסט חיה.

31

א רייכער גאסט
איז צו לאסט.

32

א שוויגער מיט א שנור
פארן נישט אויף איין פור.

33

א שטאך
מאכט א לאך.

34

א שטעקן
האט צוויי עקן.

פגל׳ 284.

35

א שיין פנים
קאסט מזומנים.

36

א שלעכטע אָם
איז פארן קינד סם.

37

א שלעכטע התחלה
ברייגנט צו א מפלה.

38

א שנור און א איידים
זיינען א פאר שדים.

39

א שניצער און א מעלער
און קדחת אויפן טעלער.

פגל׳ 432 ; 443 ; 452.

40

א שפריכווארט
איז א ווארװארט.

41

אבינו מלך —

דאס הארץ איז מיר פריילאך.

42

אדער א גליק

אדער א שטריק.

פגל׳ 418.

43

אדער א העט

אדער א גט.

44

אדער א ממשלה

אדער א מפלה.

45

אדער א נס

אדער א מת.

46

אדער טויט

אדער רויט.

47

אויבן פוץ

אונטן שמוץ.

פגל׳ 428.

48

אויבן פּיקס
אונטן ניקס.

49

אויסגעוואנדערט
אַלע לענדער,
און אַהיים־געקומען
אין הויזן און אין העמדער.

50

אויף גאָט דאַרף מען האָפן
און אַליין אויך נישט שלאָפן.

51

אויף דריי זאַכן
שטייט די וועלט :
אויף געלט,
אויף געלט,
און אויף געלט.

52

אויף וואָס איך האָב נישט געוואָלט קוי
צו דעם מוז איך זיך איצט בוקן.

53

אויף וואָס ער גיט זיך אַ שטעל
ווערט פון דעם אַ תל.

54

אויף וויסטע וועלדער
אויף פּוסטע פעלדער.

55

אויף מארגן
זאל גאָט זארגן.

פגל׳ 352.

56

אויפן גוטן־ארט
זאגט מען יעדן נאָך
א גוט ווארט.

57

אונטן און אויבן
איז אלץ איין גלויבן.

58

אז א בחור נעמט אנ׳אלמנה
פאַר איר ברויט,
האָט ער פון איר דעם טויט.

59

אז איינער ווערט ארעם
און דער אנדערער ווערט רייך —
ווערט דער שידוך גלייך.

60

אז איך בין געווען

א קליינינקער,

בין איך געווען

א שיינינקער.

61

אז ביידע זיינען גערעכט

איז שלעכט.

62

אז גאט גיט מיטן לעפל

גיבן מענטשן מיטן שעפל.

פגל׳ 122 ; 245.

63

אז גאט דערפרייט

איז קיינמאל נישט צו שפעט.

64

אז גאט האט פרנסה געגעבן

זאל מען אנדערע אויך לאזן לעבן.

65

אז גאט וועט מיין טאטן געלט באשערן

וועל איך אויך א כלה ווערן.

66

אז גאט לאזט לעבן
מוז ער דערצו מעות געבן.

67

אז דו הייסט מענדל
מעג מען עסן פון דיין פענדל
און טרינקען פון דיין קענדל.

פגל׳ 107 ; 73.

68

אז דער אדון ווייסט שוין
פון כל־דבר־שורש —
העלפט נישט קיין חורש.

69

אז דער בייטל איז פול
איז דער מאגן שטיל.

70

אז דער טאטע איז א ליץ
איז דער זון א פּאַדלעץ.

71

אז דער טאטע איז דערביי
קען די מאמע זיין געטריי.

72

אז דער מאגן איז לער
איז דער שלאף שווער.

73

אז זי הייסט הענדל
[אדער : גענענדל]
מעג מען עסן פון איר פענדל.

פגל׳ 67 ; 107.

74

אז מ׳איבערלייגט־זיך צו־פיל
קומט מען נישט צום ציל.

75

אז מ׳איז פויל
האט מען נישט אין מויל.

פגל׳ 161.

76

אז מ׳באקומט שוין ברויט
קומט דער טויט.

פגל׳ 105.

77

אז מ׳גיט דעם טייוול א האר
וויל ער גאר.

78
אז מ׳דארף שוין אנקומען
צו לייטנס גאב —
איז חאטש נעם און באגראב.

79
אז מ׳דערמאנט דעם מלאך
קומט דער גלח.

80
אז מ׳האט אויף פורים
יסורים,
האט מען אויף פסח
חושך.

81
אז מ׳האט נישט קיין ברויט
איז ערגער ווי דער טויט.

82
אז מ׳האט נישט קיין סוס
גייט מען צופוס.

83
אז מ׳האט סחורה
האט מען קיין מורא.

84

אז מ'האט קינדער אין די וויגן
דארף מען זיך מיט לייטן נישט קריגן.

85

אז מ'האנדלט געווג
ווערט מען קלוג.

86

אז מ'האנדלט מיט טאבאק,
האט מען א שמעק;
אז מ'האנדלט מיט האניק,
האט מען א לעק.

87

אז מ'וויל דעם מאלצייט
ערליך האלטן,
זאל מען אים
אין צווייען שפאלטן.

פגל 362.

88

אז מ'וויל לערנען כסדר
מוז מען גיין אין חדר.

89

אז מ'וויל נאכטאן לייטן
ווארפט מען זיך
אויף אלע זייטן.

90

אז מ׳זוכט
אין שיסל,
געפינט-מען
אין פיסל.

91

אז מ׳לויפט-נאך
א גליק,
צעברעכט-מען-זיך
דאס געניק.

92

אז מ׳לייגט-ארײַן
אין די ציינער,
געפינט-מען
אין די ביינער.

93

אז מ׳לייגט-נישט-ארײַן טאקע
נעמט-מען-ארויס א מכה.

94

אז מ׳לערנט א נאר
האט מען צער.

פגל׳ 22 ; 24 ; 368.

95
אז מ׳מאכט חתונה א טאכטער,
ווערן די פיס געשוואלן;
אז מ׳מאכט חתונה א זון,
לייגט מען די פיס אויף די שטאָלן.

פגל׳ 244.

96
אז מ׳פארזעצט דעם טלית
איז שוין א סימן־דלות.

97
אז מ׳ציילט ספירה
קומט אויף די כלי־זמר
א פגירה.

98
אז מ׳קאכט מיט שטרוי
בלייבט דאס עסן רוי.

99
אז מ׳קען נישט בייסן
זאל מען די ציין נישט ווייזן.

100
אז מ׳קען נישט ווי מ׳וויל
מוז מען זיצן שטיל.

101
אז ס'איז טרוקן אין האלז
און אין די שטיוול נאס —
קען מען נישט ארויסגיין
אויף דער גאס.

102
אז ס'העלפט נישט
מיט ווערטער —
מוז מען זיך באנוצן
מיט ריטער.

103
אז ס'מאלט זיך
אין מיל,
איז אין שטוב
רוהיג און שטיל.

104
אז ס'קומט דער באשערטער
ווערט עס אין צוויי ווערטער.

105
אז ס'קומט צום לעבן
דארף מען שטארבן.
פגל' 76.

106

אז עפּל איז קרעפּל

איז קוגל א לאקשנטעפּל.

107

אז ער הייסט מענדל

מעג מען עסן

פון זיין פענדל.

פגל׳ 67 ; 73.

108

אז קרופּניק איז אנ׳אכילה

איז איישישאק א קהילה.

109

אזוי גייט דאס אויף דער וועלט :

איינער האט דאס בייטל,

דער צווייטער — די געלט.

110

אזוי ווי די צייטן

אזוי זיינען די לייטן.

פגל׳ 154.

111

איבער דריי וואלט די וועלט חרוב געווארן :

ווען דער חזיר וואלט געהאט א הארן,

די קאץ — א זיכרון,

און א מענטש אן א חיסרון.

112

איבערן באָרד גערונען
דעם מויל נישט געפונען.

113

איז דיר היים —
קריך אין שוויים;
איז דיר קאַלט —
לויף אין וואַלד.

114

איטליכעס הערץ
האָט זיך זיין שמערץ.

פגל׳ 260.

115

איידער האָבן און גראָבן
איז שוין בעסער
גאָרנישט צו האָבן.

פגל׳ 183; 377.

116

איידער ווי, איידער וואָס —
א בעל־הבית בלייבט א בעל־הבית.

117

איידער צו לייגן אין פושקע
איז בעסער צו לייגן אין קישקע.

118
איין מאל
איז קיין מאל.

119
איין קליינער
מאכט צוויי גרויסע
צו ליגנער.

120
איינם
איז קיינם.

121
איינם מיטן דריטן
איז קיין מחותן.

122
איינעם גיט ער מיט לעפל
דעם אנדערן גיט ער מיט שעפל.

פגל׳ 62 ; 245.

123
איינעם דאכט־זיך
אז ביים צווייטן
לאכט־זיך.

פגל׳ 336.

124
איינער אין פעלד
איז קיין העלד.

125
איינער האט נישט אין זין
דער אנדערער האט נישט
פון וווּהין.

126
איך און דיר
אזוי ווי א קלאמקע
און א טיר.

127
איך וועל דיר געבן ניין-מאל-ניין,
וויפל ס׳וועט אין דיר אריין.

128
איך וועל הערן ווי מ׳וועט אים באקלאגן
אז מ׳וועט אים אויפן בית-עולם טראגן.

129
איך מיט דיר
זיינען ווי אנדערע צוויי,
איך און דיר
בין ווי א בוידים און היי.

130
אין א נויט —
איז גוט
א פריינד
אויף א לויט.
פגל׳ 456.

131
אין אייוואלע —
קיין פענדאלע;
אין שטייגאלע —
קיין הענדאלע;
אין ביימאלע —
קיין רענדאלע.

132
אין אנ׳אפענעם טעפל
שטעקט יעדער מויז איר קעפל.

133
אין באד זיך צו שעמען
איז נישטא פאר וועמען.

134
„אין ברירה"
איז א גרויסע גזירה.

135

אלטע לייט

זעצט מען

אין דער זייט.

פגל׳ 165.

136

אלטע קייען

יונגע שפייען.

פגל׳ 264 ; 267.

137

אליין —

איז די נשמה ריין.

138

אלע יונים

האבן איין פנים.

139

אלע שיכּורים

זיינען ניכטער

פּורים.

140

אלץ אינאיינעם

איז נישטא

ביי קיינעם.

141

אלץ וואס גאָט טוט
מוז זיין גוט.

142

אמת ויציב —
ווי מיין טאַטע
איז אַ קצב.

143

אמת מיט ליגן צוריבן
ס'איז גאָרנישט געבליבן.

144

אַן אַ וועג
און אַן אַ שטעג.

145

אַן גאָטס וואָרט —
קיין טריט פון אָרט.

146

אַן געלט
איז קיין וועלט.

פגל' 370 ; 416.

147

אין די גרויע האָר
דערקענט מען די יאָר.

פגל' 317.

148

אן דעם איז קיין ברכה
וואס רעט אויף זיין משפחה.

149

אנ'איבעריק גלעזל וויין
מאכט שמערץ און פיין.

150

אנ'אלמנה
איז א סכנה;
א גרושה
איז א בושה;
א בתולה
איז א גדולה.

151

אנ'אפטער גאסט
פאלט צו לאסט.

152

אנ'ארבעט —
א ריינע,
און א פרנסה —
א שיינע.

153

אנ'ארעמער מיוחס —
איז געגליכן
צו די שברי־לוחות.

154

אנדערע צייטן

אנדערע לייטן.

פגל׳ 110.

155

אנ׳עולם

איז נישט

קיין גולם.

פגל׳ 234 ; 409.

156

אנצוווערן נדן און ירושה

איז נישט קיין בושה.

פגל׳ 392.

157

אפגעריסן

און אפגעשליסן.

158

אפילו אז דער מענטש

זעט שוין דעם גרוב אפן —

זאל ער נישט אויפהערן צו האפן.

פגל׳ 347.

159

„אפשר" און „טאמער"
ברייננגען קלאג און יאמער.

160

ארבעט איז קיין שאנד
ובפרט אין א פרעמד לאנד.

161

ארבעט ברייננגט ברויט
פוילהייט — נויט.

פגל' 75.

162

ארעם און רייך
זיינען אלע גלייך.

פגל' 173 ; 218.

163

ארעם און רייך
ליגן אין דר'ערד
ביידע גלייך.

164

ארעם
איז נישט רייך,
קרום
איז נישט גלייך.

165
ארעמע-לייט
זעצט מען
אין דער זייט.

פגל׳ 135.

# ב

166
בארגן
מאכט זארגן.
פגל׳ 303.

167
באָרגעלע —
לאכעלע;
צאָלעלע —
ווייַנעלע.

168
באַשערט גאָט א העזעלע
באַשערט ער אים א גרעזעלע.

169
בחינם —
קריגט מען
כינים.

170
ביז דו וועסט בויען אויפדאסנײ
בלייב דעם אלטן געטריי.

פגל׳ 367.

171
ביז ס׳וועט קומען די נחמה
קען אויסגיין די נשמה.

172
ביי א שיכור
איז בראנפן
דער עיקר.

173
ביי גאט איז גלייך
ארעם און רייך.

פגל׳ 162 ; 218.

174
ביי גאט איז נישטא :
נישט קיין פארגעסענע,
נישט קיין פארזעסענע.

175
ביי די מחותנים
זיינען אלע יחסנים.

176

בייסעניש

און רייסעניש.

177

במקום שאין איש —

איז א הערינג

אויך א פיש.

178

בעסער א בים

פון א פריינד,

איידער א קוש

פון א פיינד.

179

בעסער א ביסל

און רעכטס,

איידער א סך

און שלעכטס.

פגל׳ 181.

180

בעסער אין דעם ווייטן לאנד

איידער אין דעם טיפן זאנד.

181
בעסער גוט
און א ביסל,
איידער שלעכט
און א פולע שיסל.
פגל׳ 179.

182
בעסער טרוקן ברויט
איידער צו ליידן נויט.

183
בעסער נישט צו האבן
איידער צו באגראבן.
פגל׳ 115; 377.

184
בעסער פארלירן א רייכן פאטער
איידער אנ׳ארעמע מוטער.

185
בעסער פון א גוטן
דאס ערגסטע,
איידער פון א שלעכטן
דאס בעסטע.

186
בעסער פון קלייען,
איידער צו לייען.
פגל׳ 447.

187
בעסער פיר
אין פריידן,
איידער צוויי
אין ליידן.

188
בראנפן
פארדרייט דעם קאפ,
צרות
נעמען אים גאר אראפ.

189
ברוגז׳ע לייט
גייען אויף א זייט.

190
ברעכן
און שטעכן.

# ג

191
גאט איז איינער
און ווייטער קיינער.

192
גאט האט געשווארן:
אין דער וועלט
זאל גארנישט גיין פארלארן.
פגל' 255.

193
גאט זאל אים בענטשן
מיט דריי מענטשן:
איינער זאל אים האלטן,
דער צווייטער זאל אים שפאלטן,
דער דריטער זאל אים באהאלטן.

194
גאָט זאָל וועלן צוהערן די נאַראָנים
וואָלט די וועלט געהאַט אַ שיין פּנים.

195
גאָט לאָזט זינקען
אָבער נישט דערטרינקען.

196
גאָט שיקט נישט פון אויבן
אַז מ'ליגט אויפן אויוון.

197
גאָלד און זילבער
לאָזט מען שטיין —
אַז דער אויבערשטער
רופט צו זיך צוגיין.

198
גוטע ביר —
אָבער נישט פאַר דיר.

199
גוטע צייטן
מאַכן שיין
די הייטן.

200
גיב דעם רשע טרינקען פון זיינע זינד
וועט ער אוועק פון דער וועלט געשווינד.

201
גיי איך אויף גיך,
צערייס איך די שיך
גיי איך פאמעלעך,
בין איך א למך.

202
גיי איך פאוואליע,
זאגט מען, איך קריך ;
גיי איך געשווינד,
זאגט מען, איך צערייס די שיך.

203
געלט איז עבודה־זרה —
אבער אז ס׳איז נישטא,
איז א גרויסע צרה.

204
געלט בילדעט
געלט ווילדעט.

205
גענייט און געשטעפט,
געשפינט און געוועבט —
און אלץ מיטן צונג.

206

געשוואלן

און געדראלן.

207

גראם

שטראם.

# ד

208
דאנקען און לויבן
יאָשקע דעם טויבן!

209
דאס איז רבֿ בער
אבער נישט דער.

210
דאס ווארט אין מויל
איז א האַר,
פֿון מויל —
איז א נאַר.

211
דאר
און קוואַר.

212

דארפסט האבן

שיק נאך דער באָבן!

213

די אויגען

וואלטן געוואלט איינשלינגען

מער ווי דער מאגן

קען פארטראגן.

214

די אייגענע יענטע

נאר מיט אנ'אנדער לענטע.

215

די אכילה

איז די בעסטע תפילה.

216

די האלז האט א קליין לעכל

און פארשלינגט א הויז מיטן דעכל.

217

די וועלטעלע איז שיין

יעדערער האט זיין לוין.

218

די זוהן שיינט גלייך
אויף אָרעם און רייך.

פגל׳ 162 ; 173.

219

די פיש אין טייכאלע
איז נאך ווייט פון בייכאלע.

220

די קאַטשקע קוקט גאָר אַן אַ זייט
אָבער אירע אויגן טראָגן ווייט.

221

דינער זיינען טריי
כּל־זמן זיי זיינען ניי.

222

דעם איז אָך
ווער עס ליגט אין לאָך.

223

דעם דלות
פּאַסט אַלעם.

פגל׳ 227 ; 277.

224

דעם מענטשנס געלט
מאַכט אים פריי די וועלט.

225

דער ארעמאַן איז גערן
צו־בלייבן ביים קרן.

226

דער דאָקטאָר קען אַלעס
נאָר נישט אַרויסטרייבן דעם דלות.

227

דער דלות
איז ערגער פאַר אַלעס.

פגל׳ 223 ; 277.

228

דער הונט מיינט, ס׳גייט פון דעם ביין
דערווייל גייט אים גאָר פון די ציין.

229

דער וואָס זיצט בחיבוק־ידיים
דער פאַרבלייבט אָן מכנסיים.

230

דער וואָס לאַכט צום לעצטן
דער לאַכט אָם בעסטן.

231

דער מילנער פרייט־זיך
אַז די רעדל דרייט־זיך.

232

דער מלאך־המוות שעכט
און בלייבט גערעכט.

233

דער מענטש טראכט
און גאט לאכט.

234

דער עולם
איז א גולם.

פגל׳ 409 ; 155.

235

דער עושר
איז קיין בעל־יושר.

פגל׳ 344.

236

דער עפּאלע
פּאלט נישט ווייט
פון בוימאלע.

פגל׳ 433.

237

דער ערשטער
איז דער בעסטער.

238
דער קאפ איז דול,
דער בויך איז פול —
און דער מאגן
וויים נישט
פונוואס צוזאגן.

239
דער שיכור
איז געשטארבן,
דער שיינקער
איז פארדארבן.

240
דערגיין
ביזן ביין.

241
דער אויבערשטער זאל געבן:
אונז בעסערם
און אייך גרעסערם.

242
דריי טעג —
איז מען א גאסט,
און נאכדעם
ווערט מען צו לאסט.

# ה

243
האדעווען טעכטער
אויף לייטישע געלעכטער !

244
האט מען זין
איז ווייל,
האט מען טעכטער —
מאכן זיי הויל.

פגל׳ 95.

245
האט מען עס נישט שעפלדיק
האט מען עס לעפלדיק.

פגל׳ 62 ; 122.

246
האלט מיך פארן מלאך גבריאל
און געטרוי מיר נישט צופיל.

247

האנדלשאפט

איז קיין ברודערשאפט.

248

האניק אויפן צונג

גאל אויפן לונג.

249

האסטו געזאגט :

הרי־את —

האסטו זיך פארקויפט

פאר א סאלדאט.

250

האסטו געזינדיקט

צוויי מאל,

ועסטו שוין זינדיקן

אן א צאל.

251

הארן און האפן

האט שוין אמאל געטראפן.

פגל׳ 371.

252

הארעווע מיידאלע

וועסטו האבן א קליידאלע.

253

הבל הבלים —
די וועלט איז א חלום.

254

הויך און דאר
און שמעקט מיט נאר.

255

הימל און ערד האבן געשווארן:
קיין זאך זאל נישט גיין פארלארן.

פגל׳ 192.

256

הכסף יענה את הכול —
מיט געלט
פארשטאפט מען די וועלט
דאס מויל.

257

המבדיל בין קודש לחול —
אבי ס׳געראט,
איז עס טאקע וויל.

258

המבדיל בין קודש לחול —
ווער ס׳האט געלט,
דעם איז וויל.

259

העקל

מיטן פעקל.

פגל' 372.

260

הערצן

מאכט

שמערצן.

פגל' 114.

# ו

261
וואס אויפן לונג
דאס אויפן צונג.

262
וואס איינער וואלט גערן געהעט
דאס חלומ׳ט זיך אים אין בעט.

263
וואס איך נישט ווייס
מאכט מיך נישט הייס.

264
וואס אלטע קייען
טוען יונגע שפייען.
פגל׳ 136 ; 267.

265

וואס באשערט

דאס באווערט.

פגל' 276; 294.

266

וואס ביי א ניכטערן

אויפן לונג,

איז ביי א שיכורן

אויפן צונג.

267

וואס די גרויסע שפייען

דאס די קליינע קייען.

פגל' 136; 264.

268

וואס הערט זיך?

דער מוח קערט זיך.

269

וואס הערט זיך?

מיין באבע יערט זיך.

270

וואס מ'מאכט?

מ'שמאכט.

271

וואס מער געוואַרט

אַלץ מער גענאַרט.

פּגל׳ 385 ; 371.

272

וואס מער שמייכל —

אַלץ ווייניקער שׂכל.

פּגל׳ 453.

273

וואס מ׳קען נישט דערלאַנגען

זאָל מען נישט פאַרלאַנגען.

274

וואס עלטער

איז קעלטער ;

וואס נייער

איז געטרייער.

275

וואס עלטער

ווערט מען אַלץ קעלטער.

276

וואס פון גאָט באַשערט

פון לייטן נישט פאַרווערט.

פּגל׳ 265 ; 294.

277

ווו דלות

דארט איז אלעם.

פגל׳ 223 ; 227.

278

ווו דער מענטש ווערט געבארן

און ווו ער ווערט פארלארן !

279

ווו ליבשאפט

דארט איז קיין איינגשאפט.

280

ווו מ׳דארף מוח

העלפט נישט קיין כוח.

281

ווו עס פאלט א שטיין

טרעפט ער מיר אליין.

282

ווו צוויי שלאפן אויף איין קישן

דארף זיך דער דריטער נישט מישן.

283

ווו שלום,

דארט איז ברכה ;

ווו אמת,

דארט איז הצלחה.

284
ווי דו זאלסט נישטווארפן דעם שטעקן
האט ער אלץ צוויי עקן.
פגל׳ 34.

285
ווי די דרשה
אזוי איז די בקשה.
פגל׳ 382.

286
ווי די שׂררות
אזוי איז דער משרת.

287
ווי דער צער
אזוי דער שׂכר.

288
ווי מען יונגערהייט זיך האלט
אזוי ווערט מען אלט.

289
ווי מ׳שטעלט זיך דעם שטייגער
אזוי גייט דער זייגער.

290
ווי ס׳שטייט
און גייט.

291

ווייניקער קולטור
מער נאַטור.

292

וויינען און לאַכן
איז ביי ווייבער
לייכטע זאַכן.

293

ווילסט זיך בייטן —
מיינע קלאָגן
אין דיינע זייטן!

294

וועמען גאָט וויל דערקוויקן
קענען מענטשן נישט דערשטיקן.
פגל׳ 265; 276.

295

וועמען דאָס גליק שפּילט
דער טרעפט אפילו אומגעצילט.

296

וועמען די פּערל איז שיטער
וועמען די באָרשט איז ביטער.

297

וועמען —
צו ברויט,
וועמען —
צו טויט.

298

וועז אלע וואלטן געוועז נביאים
וואלטן נישט געוועז קיין עניים.

299

ווען יענער איז מיט א ביטערן מאגן
גיי זיך צו אים נישט באקלאגן.

300

ווערסטו זיין אין כעס
ווערסטו טרינקען קוואס!

301

ווער?
לעקיש בער,
דיינער א שווער!

302

ווער איז דער „והוא",
איך אדער דו?

303

ווער ס׳באדארף נישט בארגן
דער לעבט אן זארגן.

פגל׳ 166.

304

ווער ס׳גיט א בלאז
דעם קומט צום נאז.

305

ווער ס'האט אליין-נישט צו קייען
זאל דעם צווייטן נישט לייען.

306

ווער ס'האט די מאה
דער האט די דעה·

307

ווער ס'האט די מטבע
דער האט די דעה·

308

ווער ס'האט די קי
דער האט די מי.

309

ווער ס'וויל בארגן
דער זאל קומען מארגן.

310

ווער ס'עסט אין זיין צייט
איז א לייט.

311

ווער עס שטראפט דעם צווייטן
מוז פריער פאר זיך גוטעם אנגרייטן.

# ז

312
זאג נישט: האץ!
ביז דו ביסט נישט
אריבערגעשפרונגען
דעם קלאץ.

313
זאל זיין פון טייוול
אבי ס׳זאל הייסן פייוול.

314
זאל נאר ווייסן איינע
וועט שוין ווייסן די שכנה.

315
זאלן לייט לאכן
און מיר וועלן גוט מאכן.

316
זאלץ און ברויט
מעגסטו עסן,
און דעם אמת
נישט פארגעסן.

317
זארגן און יאר
מאכן גרוי די האר.
פגל׳ 147.

318
זיבן העמדער,
ווי די בעכער:
פינעף מיט לאטעס,
צוויי מיט לעכער.

319
זכות־אבות
איז נישט קיין קאטאוועס.

# ח

320
חאטש א קרומע
אבער פארט א מומע.

321
חאטש איין מינוט
נאר לעבן גוט.

322
חאטש שווארץ
אבי א גוט הארץ.

323
חאפ
לאפ.

324
חזנים
זיינען
נאראנים.

325
חזק חזק —
דער קוגל איז געשמאַק.

326
חרטה —
איז סוכאָטע.

סוף

# ט

327
טאטע־מאמע
דארפן דעם קינד נישט לויבן,
ווייל קיינער
וועט זיי נישט גלויבן.

328
טו דאס דייניקע
וועט גאט טאן דאס זייניקע.

329
טו נאר פלייסיק דיין מלאכה
וועט שוין קומען מזל־ברכה.

330
טוט נאר די הינדל א קריי
האט זי שוין געלייגט אנ׳איי.

331

טרייב נישט דעם פערד
מיט געשריי,
נאר מיט האבער און היי.

332

יונג בלוט
טוט זעלטן גוט.

333

יונגע שפּילער
אַלטע בעטלער.

334

יוצא בחיפּזון —
פֿאַרלירט דאָס געלט
און די הויזן.

335

יחוס אויפֿן בית־הקבֿרות
און אינדערהיים איז צרות.

336

יעדן דאכט־זיך,

אז ביי יענעם לאכט־זיך ;

אבער אז מ׳קוקט ביי יענעם הינטערן טיר,

זעט מען אז ס׳איז פונקט ווי ביי מיר.

פגל׳ 123.

337

יעדנס מערכה

איז פון גאטס השגחה.

338

יעדער הונט

אויף זיין גרונט.

339

יעדער ווארום

האט זיין דארום.

340

יעדער ווארט

האט זיין ארט.

341

יעדער ווערטל

האט זיך זיין ערטל.

342

יעדער מארגן

ברייננגט זיינע זארגן.

343
יעדער נאר
גיט צו־זיך א שאר.

344
יעדער עושר
האט זיין יושר.

פגל׳ 235.

345
יעדער שמויגער
איז פאר־זיך א טויגער.

# כ

346

כבוד

וואלגערט זיך אויפן מיסט —

ווער ס׳וויל,

נעמט אומזיסט.

347

כל־זמן די אויגן זיינען אפן

דארף דער מענטש האפן.

פגל׳ 158.

348

כל־זמן דער מענטש

האט־נאך די אויגן אפן —

זאל ער נאך האפן.

349
כל־זמן מ׳זיצט אין הויף,
איז מען א האר ;
אז מ׳וואַרפט אַרויס פונ׳ם הויף,
איז מען א נאַר.

350
כעס וחימה —
מאַכן דעם מענטשן
פאַר א בהמה.

351
כשר
וישר.

# ל

352
לאז יענער זארגן
וואס האט נישט
קיין גאט אויף מארגן.
פגל' 55.

353
לייג-נישט-אפ אויף מארגן
וואס דו קענסט היינט באזארגן.

354
ליידיקע הענט
מאכן קאליע די ווענט.
פגל' 390.

355
לייז אונז אוים, גאט, פון גלות
און פון די בעלי-עגלות !

עד

356
לייכט צו זאגן
שווער צו טראגן.

357
לייקענען
שטיין
און ביין.

358
לעולם תיקח —
אז מ׳גיט מיר,
פּיק-אַף.

359
לערן אויפן קול
וועט בלייבן אויף אלע-מאל.

# מ

360

מאן און ווייב
זיינען איין לייב.

361

„מארגן, מארגן,
נאר נישט הייט" —
זאגן
אלע פוילע לייט.

362

מ'דארף די שטיקל ברויט
טייער האלטן,
און דעם ביסן —
אויף צווייען שפאלטן.
פגל' 87.

363
מ׳דערקענט נאך די באקן
ווי די ציינער קנאקן.

364
מ׳דרייט מיט א דריק,
מ׳שנייט מיט א שטריק,
מ׳עסט ווי א ביק,
און מ׳בענטשט ווי א פליג.

365
מ׳ווערט נישט פריער געניט
ביז מ׳האט זיך נישט אפגעבריט.

366
מוטער, מוטער
די קאץ לעקט די פוטער!

367
מ׳זאל נישט דאס אומריינע וואסער אויסגיסן
ביז דאס ריינע קומט נישט צופליסן.

פגל׳ 170.

368
מיט א נאר
איז אנ׳אייביגער צער.

פגל׳ 22; 24; 94.

369

מיט א סך בויט מען א הויז
מיט ווייניק קומט מען אוים.

370

מיט געלט
קויפט-מען-נאך-נישט
די וועלט.

פגל׳ 146 ; 416.

371

מיט האפן און מיט הארן
טוט מען זיך גענארן ;
אבער מיט הארן און האפן
האט מען שוין געטראפן.

פגל׳ 271 ; 385 ; 251.

372

מיט האק
און פאק.

פגל׳ 259.

373

מיין באבע און זיין זיידע
ליגן אין דר׳ערדביידע.

374

מיין ביטחון
איז צעקראכן.

375

מיין מאגן
קען־דאס־נישט
פארטראגן.

376

מיינע
דיינע.

377

מיינע שׂונאים
זאלן האבן
און גראבן!

פגל׳ 115; 183.

378

מישטיינס געזאגט
א סוחר:
נישט קיין קונה,
נישט קיין מוכר.

379

מ׳לייגט די הינדל אונטער איין איי
כדי מ׳זאל האבן צוויי.

380

מ׳לעבט נישט פון יגיע־כפו
נאר פון יגיע־חאפּע!

381
מ׳מוז זיך שטרעקן
נאך די עקן.

382
מ׳מיינט נישט די דרשה
מ׳מיינט די בקשה.

פגל׳ 285.

383
מ׳נעמט א טייגל
און מ׳מאכט א בייגל.

384
מער גנבים —
מער שטריק;
מער קרעמער —
מער גליק.

385
מער געווארט —
מער גענארט.

פגל׳ 271; 371.

386
מער קבצן —
מער הוליאק;
מער נגיד —
מער סוויניאק.

387
מער שיינקער —
מער טרינקער.

388
מצות און ווייַן
מוז זייַן;
שמאַלץ און אייער —
נישט זייער.

389
מ׳קראַצט נישט דעם קאָפּ בחינם:
ענטוועדער האָט מען צרות,
אָדער — כינים.

# ב

390
נארישע הענט
באשמירן
טיש און ווענט.
פגל׳ 354.

391
נארישקייט און שטאלץ
וואקסן אויף איין האלץ.

392
נדן און ירושה
זיינען מיטן טייוול
בחברותא.
פגל׳ 156.

393
נייטיק
ווי אויגנווייטיק.

394
נישט־אזוי־גיך מאכט־זיך
ווי ס׳דאכט־זיך.

395
נישט ארויס און נישט אריין
קען קיין ערגערס נישט זיין.

396
נישט ארעם, נישט רייך
אבי לייטן גלייך.

397
נישט געדאווונט,
נישט געלערנט,
אבי גאט נישט דערצערנט.

398
נישט געשטויגן
נישט געפלויגן.

399
נישט מיר
נישט דיר.

400
נישט פארברענט
און נישט פארבראטן,
נאר טאקע געראטן.

401
נישט קיין מזומנים
נישט קיין שיין פנים.

402
נישט קיין תורה
נישט קיין סחורה.
פגל׳ 497.

403
נקמה —
איז א האלבע נחמה.

# ס

404
ס׳איז גוט צו זיין א בעל־הבית
אז ס׳איז דא מיט וואס.

405
ס׳איז טאקע נישט ווערט
אבער ס׳איז אזוי באשערט.

406
ס׳איז לייכט צו לאכן
און שווער צו מאכן.

407
ס׳איז נישטא דער פערד און וואגן
וואס זאל די יונגע יארן דערטראגן.

408
ס׳שוויבלט
און ס׳גריבלט.

# ע

409
עולם —
גולם.
פגל׳ 234 ; 155.

410
עס וואס גוט און וויל
און האלט דעם צונג אין מויל.

411
עס נישט קיין ביינער
וועלן דיר נישט וויי־טאן די ציינער.

412
ער איז פארביי
און עסט פאר דריי.
פגל׳ 479.

413
ער האט געהערט קלינגען
און קען נישט נאכזינגען.

414
ער הערט די פליי הוסן
און די וואנצן ניסן.

# פ

415
פאר געלט
איז א מיאוסע וועלט.

416
פאר געלט
האט מען
די און יענע וועלט.

417
פאר דעם איז די וועלט
ווערען שׂכל פעלט.

418
פאר ווערען
א גליק,
פאר ווערען
א שטריק.
פגל׳ 42.

419

פאר־נויט

עסט־מען

ווייס־ברויט.

420

פארבייסן

א הונט א וויסן.

421

פארלארן

זיינע יונגע יארן.

422

פארצאגט

און פאריאגט.

423

פארקערט —

האט נאר די באבע געקלערט,

אבער דער זיידע האט פארווערט ;

אזוי איז שוין פון גאט באשערט.

424

פארשפעטיקט א שעה

פארלארן א יאר.

425

פול אין קעפּאלע

פּוסט אין טעפּאלע.

פּגל׳ 498.

426

פון א בחור און פון א העכט

מאכט מען אלערליי געכעכט.

427

פון א ווארט

מאכט ער א קווארט.

פּגל׳ 16.

428

פון אויבן געסטראַייעט

פון אונטן געראַייעט.

פּגל׳ 47.

429

פון אזוינע וויצן

קען זיך די נשמה

ארויסגליצן.

430

פון אזוינע וויצן

קען מען אנהויבן

צו שוויצן.

431

פון איטליכן הויז

טראגט מען עפּעס ארוים.

432

פון אלע מלאכות

האט ער קדחת.

פגל׳ 443 ; 452 ; 39.

433

פון א שלעכטע מוטער

קען דאס קינד נישט זיין קיין גוטער.

פגל׳ 236.

434

פון „אמר אביי״

איז נאכנישט קיין ראיה.

435

פון באָרשט מיט ברויט

ווערן די באקן רויט.

436

פון בייזע לייט

זאל מען גיין אויף א זייט.

437

פון ברויט

מיט קרויט

ווערן די באקן רויט.

438

פון האָר

ביז גאָר.

439

פון-ווייטן

נארט מען לייטן.

440

פון זאגן

ווערט מען נישט טראגן.

441

פון ליידיקע פעסער

איז דער ליארעם גרעסער.

442

פון „על-חטא"

ווערט מען נישט פעט.

443

פון פיל מלאכות

האט מען ווייניק הצלחות.

פגל' 432 ; 452 ; 39.

444

פון צוויי טויטן

איז נישט צו ליידן,

און איינעם —

איז נישט צו מיידן.

445
פון צער
ווערט דאסביינדל דאר.

446
פון קליינינקע
ווערן גרויסינקע.

447
פון קלייען —
אבי נישט
צו לייען.

פגל׳ 186.

448
פון קנאה
קומט שׂנאה.

פגל׳ 478.

449
פון קערנדלאך —
א הייפאלע;
פון טראפנדלאך —
א טייכאלע.

פגל׳ 2.

450
פיל הענט
ברעכן
מויער און ווענט.

451

פיל הענד

מאכן מיט די ארבעט

באלד אנ'ענד.

452

פיל מלאכות —

ווייניק ברכות.

פגל' 432 ; 443 ; 39.

453

פיל שמייכל

און ווייניק שׂכל.

פגל' 272.

454

פלייש —

צום שטאָט,

און זופּ —

צו זאָט.

455

פּרובירן

גייט־איבער

שטודירן.

456

פריינד אין א נויט

גייען צען אויף א לויט.

פגל' 130.

457
פריער געמאכט
און נאכדעם באדאכט
האט שוין נישט-איינעם
פיל צרות געבראכט.

458
פריער וועגן
און נאכדעם וואגן.

# צ

459
צאלן באזונדער
איז דער בייטל געזונדער.

460
צו א ווונד און צו א בלאטער
אז ס'העלפט נישט קיין דאקטער
העלפט א טאטער.

461
צו דאנקען און צו לויבן
דעם וואס זיצט אויבן.

462
צו הערינג
דארף מען קיין זאלץ ;
צו גריוון —
קיין שמאלץ.

463

צוזאמען געגאַנגען —

צוזאמען געהאַנגען.

464

צי פון ציין

צי פון ביין.

פגל׳ 228.

465

צעקוילט —

און צעביילט.

466

צרות —

טרייבן צום בית-הקברות.

# ק

467
קאָך אַ פֿויער
אין זים און אין זווער —
בלייבט ער אַלץ אַ פֿויער.
פּגל׳ 27.

468
קאַלב־פֿלייש
איז האַלב־פֿלייש.

469
קודם לכּל —
איז גוט אַ שׂהכּל.

470
קומט מאַליע
און מאַכט קאַליע.

471

קוק אויף די מיידל
און נישט אויף איר קליידל.

472

קוק נישט
וואס אנדערע מאכן,
קלער נאר
פון אייגענע זאכן.

473

קיי
און שפּיי.

474

קיין מענטש גייט נישט פארלארן
ביז ס'ענדיקן זיך נישט זיינע יארן.

475

קליינע היתרים
ברייגנען
גרויסע יסורים.

476

קליינע עבירות
ברייגנען
גרויסע גזירות.

477

קליינע קינדער —
קליינע פריידן ;
גרויסע קינדער —
גרויסע ליידן.

478

קנאה
שׂנאה.

פגל׳ 448.

479

קראנק פארביי
און עסט פאר דריי.

פגל׳ 412.

480

קרום
און לום.

481

קרום
און שטום.

482

קריינקען
און געדיינקען !

# ר

483
ראמאטעם
אין די פיאטעם.

484
ראש-חודש אייר
טרינקט מען
דאס בעסטע ביר.

485
ראש-חודש ניסן
איז א טייערער ביסן.

486
רב נטע
האט תמיד חרטה.

487
ריכטיק
ווי אין קוימען איז ליכטיק.

# ש

488
שבת-חזון
קוילעט מען א האן;
שבת-נחמו
קוילעט מען א קו.

489
שווארצלאך
איז הארצלאך.

490
שווערן
איז ערליך,
האלטן —
איז שווערליך.

491
שטאָפּן
און קראָפּן.

492
שטאַרבן און קנעלן
וועט קיינמאָל נישט פעלן.

493
שיטער
און ביטער.

494
שלינג שטיקער
וועסטו ווערן דיקער.

495
שפּאָר באַצייטן
וועסטו נישט דאַרפן
אָנקומען צו לייטן.

496
שפּאָר, שפּאָר —
קומט דער שוואַרץ־יאָר
און נעמט־צו גאָר.

# ת

497
תורה —
איז די בעסטע סחורה.
פגל׳ 402.

498
תורה
אין קעפּאלע,
קאשע —
אין טעפּאלע.
פגל׳ 425.

499
תורה אָן א מלאכה
איז נישט קיין מזל-ברכה.

500
תורה אָן אנ׳עק —
אַ ים אָן אַ ברעג.

# הערות און ביאורים

5 : בעל־הבית = באַלעבאָס.

14 : פגר = פייגער. 20 : ווונד = ווינד.

30 : ווען איינער ברייגנט א ראיה, וואס געהער זיך גארנישט אָן צום ענין. 41 : מלך = מיילאַך.

59 : דעם גביר שטייט נישט אָן זיך משדך צו זיין מיטן ארעמאן, אבער אז ער ווערט א יורד און דער ארעמאן ווערט אויפגעריכט — דאן קומט שוין דעם שדכן נישט אָן שווער אויסצופירן דעם שידוך צווישן זייביידן.

63 : שפעט = שפּייט.

65 : אזוי טרייסט זיך אנ׳ארעמע מיידל.

67 : דער וואס רופט זיך מיט א אידישן נאמען, איז ער אוודאי באגלויבט אויף כשרות.

68 : חורש — שוחד, צו פארשווייגן. 69 : פול = פיל.

70 : וואָרט־שפּיל : פאָדלעץ = פאָד לץ (אונטער־לץ).

80 : פסח / חושך = פייסעך / חייסעך. — אז מ׳האט נישט אויף א קליינעם יום־טוב, האט מען אויף א גרויסן אוודאי נישט.

95 : דאס איז געזאגט געווארן אמאליקע צייטן. היינט איז פארקערט : דעם חתנ׳ס צד דארף אלעס געבן.

97 : אין די ספירה־טעג מאכט מען נישט חתונה, האבן די כלי־זמר נישט קיין פרנסה. 99 : חייזן = חייסן.

103 : על־פי־רוב קריגן זיך מאן און ווייב, ווען עס פעלט אויס פרנסה אין שטוב.

104 : אזוי זאגט מען ווען א שידוך וואס גייט־צו שווער.

115 : בעסער איינגאנצן נישט צו האבן קיין קינדער, איידער זיי זאלן שטארבן ביים לעבן פון די עלטערן.

116 : בעל־הבית — באַלעבאָס. 117 : פושקע = פישקע.

119 : דער קינד ווידערשפרעכט די עלטערן.

120 : איין קינד איז אזוי גוט ווי גארנישט.

121 : מחותן = מחיתן.

167 : בשעת מ׳באקומט דאס געלט צו באָרגן, איז מען פריילאך; טרויעריק ווערט מען ערשט — ווען ס׳קומט צום באַצאָלן און ס׳איז נישטא מיט וואס.

180 : בעסער גיין אין גלות, איידער שטארבן פון הונגער.

187 : ווען א פאר־פאלק קען צווישן זיך נישט אויסקומען, איז גלייכער זיי זאלן זיך גט׳ן און חתונה האבן מיט אנדערע צווייי — וועלן אלע פיר צופרידן זיין.

199 : הייטן = הויטן.

200 : הלעיטהו לרשע וימות!

201 : מ׳קען פאר די וועלט קיינמאל נישט יוצא זיין.

215 : מ׳מיינט דא די תפילה „אוחילה לָאֵל אחלה פניו", וואס דער חזן זאגט ראש־השנה צו מוסף.

217 : לוין = לֵיין.

222 : א רחמנות איז נאר אויפן טויטן, ווייל די לעבעדיקע פארגעסן אים גאנץ שנעל און זיי לאזן זיך וויל־גיין. — געוויינטליך זאגט מען דאס ווען אנ׳אלמן האט חתונה.

228 : א הונט קייט א ביין, ביז ס׳גייט אים בלוט פון די ציין; ער מיינט אבער אז די בלוט קומט פון דעם ביין, און ער קייט ווייטער.

236 : די קינדער זיינען געראטן אין די עלטערן.

238 : מ׳טרינקט זיך אן א פולן בויך, אבער דער מאגן האט פון דעם גארנישט.

246 : גבריאל = גבריל. — כבדהו וחשדהו !

253 : חלום = חאָלים.

271 : א מיידל וואס קלייבט צופיל ביי א שידוך, פאלט צום סוף אריין.

272 : א נאר לאכט שטענדיק.

285 : ׳בקשה׳ ווערט אָנגערופן די געלט וואס דער מגיד פארלאנגט פאר זיין דרשה.

287 : לפום צערא אגרא !

302 : באציט זיך אויפן פסוק : והוא ימשל בך !

334 : בחיפזון — בחיפאָזן.

364 : מאמעליגע.

366 : שפּאָטיש — איבער א„געבילדעטע״ מיידל וואס רעט נאר „דייטש״ און איז נישט מסוגל אפילו אוועקצוטרייבן די קאץ, זי זאל נישט אויפעסן די פוטער.

369 : הויז = הויס.

373 : ווייטע קרובים.

380 : כפו = כאַפּע. — ווער ס׳האַפּט נישט, דער האט נישט.

383 : אויך מיר א קונץ צו זיין א בעקער ! — אויף איינעם וואס רעט־זיך־איין, אז ער קען אלעס.

386 : אנ׳ארעמאן איז בטבע אנ׳אויסברייגגער, א גביר איז א חזיר.

388 : פסח צום סדר.

391 : א נאר האלט זיך גרויס.

392 : ירושה = יערושע.

393 : ס׳פעלט אויס ווי א לאָך אין קאָפּ.

397 : אזוי זאגן קאָצקער חסידים.

401 : אנדערע זיינען נאך מוסיף: אבער א סך שנים! — אזוי טענה׳ט א בחור צום שדכן, וואס רעט אים אנ׳ארעמע און מיאוס׳ע (און אלטע) מויד.

402 : אויף איינעם וואס וויל נישט לערנען, און איז אויך נישט מסוגל צו מילי־דעלמא.

404 : בעל־הבית = באַלעבאָס.

414 : הוסן = היסן.

424 : שעה = שאָר.

431 : הויז = הויס.

434 : ווען איינער פאַררופט־זיך אויף א גרויסן מענטשן, אבער דער אנדערער וויל זיין מיינונג נישט אָננעמען.

440 : טראָגן = טראָגעדיק.

446 : גדיים נעשׂו תיישים!

455 : אין חכם כבעל־הנסיון!

468 : אזוי זאגט דער מאן צו די ווייב, ווען זי קאכט אים נישט קיין רינד־פלייש.

471 : אל תסתכל בקנקן, אלא במה שיש בו.

484 : מארץ־ביר.

485 : דער פסח קאסט אָפּ א פארמעגן.